אינטערעסאַנטע נייעס פון דער אידישער רעליגיעזער וועלט

פון הרב אהרן ב. שורין

„אַן אויג פאַר אַן אויג"

ס'איז שוין צוויי וואָכען זינט הרב דר. יוסף בער סאָלאָווייטשיק, שליט"א, האָט געהאַלטען זיין יערליכע דרשה אין ישיבת רבי יצחק אלחנן, צום יאָרצייט (ג' שבט) פון זיין גרויסען פאָטער, הגאון רבי משה סאָלאָווייטשיק, זצ"ל, און אין דער לומד'ישער וועלט איז די לופט נאָך אַלץ פול מיט דעם גרויסען רושם וואָס די דרשה האָט געמאַכט. ווי אַלע יאָר איז אויך דאָס מאָל געווען א ריזיגער עולם, אין וועלכען ס'זענען געווען פאַרטראָטען די חשוב'סטע רבנים און תלמידי־חכמים פון ניו יאָרק און דער סביבה, אַלטע און יונגע. ווי אַלע יאָר איז דער שיעור געווען צעטיילט צווישען הלכה און אגדה, און האָט געדויערט איבער פיר שעה. אויך ווי אַלע יאָר איז דער שיעור געווען פול מיט גאונ'ישע געדאַנקען וואָס האָבען געהאַלטען דעם עולם צוגעשמידט צו די ערטער, ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אין לומד'ישע קרייזען רעדט מען נאָך איצט וועגען דעם שיעור. מענשען וואָס זענען אַנוועזענד געווען זאָגען איבער זיינע חידושים צו אַזעלכע וואָס זענען דאָרט ניט געווען און איינער מיט'ן אַנדערן טיילען זיך מיט די איינדרוקען. יעדער איינער איז אַוועק ווי מיט א פולען זעקעלע פערל.

ס'איז איבעריג צו זאָגען, אַז עס איז איבער די כוחות פון א צייטונגס־אַרטיקעל איבערצוגעבן דאָס עשירות פון דעם מעכטיגען שיעור פון דעם גרויסען גאון רבי יוסף סאָלאָווייטשיק. דאָס דאַרף מען נאָר הערען בפועל ממש כדי צו האָבען די פולע הנאה. עס וואָלט אָבער געווען א זינד ניט צו פּראָבירען כאָטש פיל וויניג געבען אַן השגה פון דעם „קעניגליכען טיש" צו די וואָס זענען דאָרט ניט געווען.

אין אַט וועלען מיר דאָ פּראָבירען איבערגעבען איינעם פון די גלאַנץ חידושים, וואָס האָט אַרויסגעשיינט מיט א באַזונדערער שעהנקייט אפילו צווישען יענעם אומגעהויערן רייכטום. דאָס איז הרב סאָלאָווייטשיק'ס א חידוש אויף דעם געבאָט פון דער תורה צו באַשטראָפען „עין תחת עין", אַן אויג פאַר אַן אויג.

מיר האָבען אויסגעקליבען דווקא דעם דאָזיגען חידוש מיט א באַשטימטער כוונה. די גוי'אישע וועלט איבערהויפּט די אַנטיסעמיטישע וועלט שטעלט אַן דעם פינגער אויף דעם דאָזיגען געבאָט און זאָגט: פון דאַנען זעהט מען, אַז די אידישע תורה איז א תורה פון בלוטיגע געזעצען, פון האַרטער נקמה, בשעת זייער אייגענע רעליגיע איז א רעליגיע פון רחמנות. דערפאַר איז אינטערעסאַנט און וויכטיג צו זעהן די טיפזיניגע באַלייכטונג וואָס הרב סאָלאָווייטשיק גיט אויף דעם דאָזיגען געבאָט, און במילא אויף אַנדערע ענליכע האַרבקייטען פון דין.

אין חומש (שמות, פרשה משפטים פרק כ"א, פסוק כ"ד) שטעהט געשריבען „עין תחת עין". דער בוכשטעבליכער טייטש איז: „אַן אויג פאַר אַן אויג", דאָס הייסט, אויב איינער שלאָגט אויס אַן אויג א צווייטען, דאַרף מען באַשטראָפען דעם ערשטען מיט אַרויסנעמען זיין אויג. אָבער די חכמים טייטשען אַנדערש. זיי זאָגען, אַז עס מיינט בלויז, אַז דער ערשטער דאַרף באַצאָלען פאַר דעם אויג מיט געלט. און דאָס וואָס ס'שטעהט אין חומש „עין תחת עין" מיינט דער ערשטער „עין" — ממון (געלט). און אויף דעם קומט צו געהן דער רמב"ם און זאָגט, אַז כאָטש דאָס איז א טייטש פון חז"ל פונדעסטוועגען ווערט אַט־דער געדאַנק פון „ממון תחת עין" פאַררעכענט ווי א הלכה למשה מסיני וואָס מיינט, אַז דער דין פון סיני האָט שוין ערקלערט „געלט פאַר דעם אויג" און ניט „אַן אויג פאַר אַן אויג" ממש. און ווער ס'גלויבט ניט, אַז די הלכה האָט משה אַזוי מקבל געווען פון סיני איז פאַררעכענט פאַר אַן אפּיקורוס און א צדוקי. קומט הרב סאָלאָווייטשיק און פרעגט אַזוי: אויב דער ערשטער מיין פון דער תורה איז טאַקע געווען: געלט, און ניט ווי ס'איז געשריבען בוכשטעבליך — טאַ האָט טאַקע די תורה געוואָלט שרייבען באַלד „כסף תחת עין"? אָבער דאָ קומען מיר צו דעם טיפזיניגען געדאַנק פון גאון, רבי יוסף בער, וועלכער ברענגט אַריין א ליכטיגקייט אין אַט דעם, אין פלוג, שווערען פסוק.

ער מאַכט עס גאַנץ פשוט:

ווען די תורה וואָלט אָנגעגעבען אַוועקגעשטעלט „געלט פאַר אַן אויג", און ווי ס'איז געשריבען, וואָלט עס אויסגעזעהן ווי די תורה אונטערשאַצט די ווערדע פון די מענשליכע גלידער. אַן אויג איז עפּעס א קליינגקייט? ס'איז דאָך די ליכטיגקייט פון מענשען. זי איז דאָך די קרוין אין דעם מענשליכען גוף. דאָס גאַנצע גליק פון מענשען זיינען דאָך זיינע אויגען. און דאָ קומט די תורה און זאָגט גאָר, אַז אַן אויג איז ניט מער ווי שוה־כסף. מען קען דאָס אָפּקויפען פאַר געלט. נו, ווערט א ליאָדע אונטערוועלטניק זאָגען, אַז מיר לוינט זיך צו באַצאָלען מיט געלט פאַר'ן אויג פון א געוויסער פערזאָן... דערפאַר האָט די תורה אין פרינציפּ אַוועקגעשטעלט „עין תחת עין" צו באַווייזען, אַז אָריגינעל איז די גערעכטע שטראָף „אַן אויג פאַר אַן אויג", כדי מיט דעם צו לערנען די מענשהייט, אַז ס'איז ניט פאַראַן אַזוף פיל געלט אין דער וועלט צו באַצאָלען פאַר יענעמ'ס אַן אויג. וויל יענעמ'ס גליק און ליכט פון לעבען קאָן מען מיט קיין געלט־ערזאַץ ניט אָפּקויפען. די אָריגינעלע גערעכטע שטראָף איז טאַקע מיט דער גאַנצער שטרענגקייט, אַז דער שלעגער דאַרף באַצאָלען מיט זיין אויג, כדי די שטראָף זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט'ן פאַרברעכען.

די תורה איז אָבער ניט געבליבען שטעהן ביי דעם, נאָר האָט צו־זאַמען מיט'ן אָריגינעלען דין פון סיני באַלד אויך מיטגעגעבען א פירוש פאַר'ן מענשליכען געריכט. און דער פירוש איז „עין תחת עין" — געלט פאַר'ן אויג.

ווי אַזוי ערקלערט זיך אַט די קאָמפּליצירטע פאָרמולירונג פון דער הלכה? — איז דער ענטפער אַזוי:

די געטליכקייט, וועלכע האָט אַוועקגעשטעלט די שטרענגע שטראָף פאַר'ן אויסשלאָגען אַן אויג, האָט אָבער גלייכצייטיג אויך געלערנט אַז דער מענשליכער געריכט קאָן ניט דורכפירען ריכטיג די מאָס פון שטראָף. דער מענש, וועלכער איז אַליין א זינדיגער, קאָן אים דערפאַר ניט איבערגעגעבען ווערען די שטרענגקייט פון דין. א מענשליכער געריכט קאָן מאַכען א טעות. די אידישע הלכה איז זעהר קאָמפּליצירט ביים פעסטשטעלען די שולד פון א מענשען און די אומשטענדען ביי וועלכע אַן אומגליק איז געשעהן, און דעריבער האָט גלייכצייטיג די תורה געמוזט מאָדיפיצירען די געטליכע שטרענגקייט און ווייכער מאַכען דעם דין. און דעריבער איז אין דעם פאַל, ווי אין אַנדערע פאַלען, פון באַשטראָפען א מענשען פאַר'ן צונעמען יענעמ'ס א גליד, גענוצט געוואָרען דער פירוש פון — געלט אַלס שטראָף.

און לאָמיר עפּעס צוגעבען צו הרב סאָלאָווייטשיק'ס רייד: די תורה זאָגט „אַן אויג פאַר אַן אויג", א האַנט פאַר א האַנט, א פוס פאַר א פוס, א צאָן פאַר א צאָן, א וואונד פאַר א וואונד א. א. וו. דערצו איז פאַראַן אין דער תורה פיל מאָל דערמאָנט די שטראָף פון טויט — „מות יומת". נו, אויב די תורה וואָלט טאַקע געמיינט בוכשטעבליך, אַז די שטראָפען זאָלען דורכגעפירט ווערען ווי זיי זיינען פאַרשריבען, וואָלט דאָך אויסגעקומען, אַז בית־דין וואָלטען געדאַרפט שטעהן און האַקען כסדר קעפּ, ברעכען אָהן אויפהער הענט און פיס. הרב סאָלאָווייטשיק האָט שוין אַליין אָנגעוויזען אויף דער גמרא (מכות ז'), אַז א בית דין וואָס וועט הרג'ענען א מענשען איין מאָל אין זיבעציג יאָר, ווערט פאַררעכענט פאַר א „בית דין חובלנית" און רבי עקיבא און רבי טרפון האָבען געזאָגט ווען זיי וואָלטען זיצען אין א סנהדרין, וואָלט א מענש קיינמאָל ניט באַקומען קיין טויט שטראָף. נאָר דער געדאַנק פון דעם איז דער זעלבער, ערקלערט הרב סאָלאָווייטשיק, די תורה האָט אין פרינציפּ פאַרשריבען די געטליכע שטרענגע שטראָף, כדי צו ווייזען די האַרבקייט פון דער עבירה צי דאָס איז פולשטענדיגע רציחה, אָדער טיילווייזע רציחה, אָדער ענליכע חטאים. אָבער ווען בית דין דאַרפען געהן דורכפירען די געטליכע שטראָף, דאַן האָט די תורה אָנגעוויזען, אין מאַקע מסיני, פאַר א „המתקת הדין", פאַר א מילדערונג פון דער שטראָף. און דעריבער האָבען חז"ל ערקלערט, אַז „עין תחת עין" מיינט געלט. אָבער דאָס איז בלויז די מאָדיפיקאַציע פון דין צוליב דער מענשליכער שוואַכקייט. אין געטליכען פרינציפּ, אָבער, האָט דער שלעגער פאַרדינט, אַז מען זאָל אים אַרויסנעמען זיין אויג.

אין ליכט פון דעם געדאַנק, האָט באַמערקט הרב סאָלאָווייטשיק, איז טאַקע איצט פאַרשטענדליכער פאַרוואָס רבי אליעזר זאָגט, אַז דער שלעגער דאַרף באַצאָלען אַזוי פיל וויפיל ס'איז ווערט זיין אייגען אויג, דאָס אויג פון שלעגער. פאַרוואָס? איז דער ענטפער: ווייל אין פרינציפּ פון געטליכער שטראָף איז דאָך געקומען דעם שלעגער'ס אַרויסצונעמען זיין אויג נאָך די תורה האָט עס פאַרביטען אויף געלט, איז דעריבער זאָגט רבי אליעזר, אַז די געלט שטראָף דאַרף זיין „דמי־מזיק" ווי פאַר דעם אויג פון שלעגער.